ב"ה

# לקוטי שיחות

## יו"ד כסלו

הליקוט
HALIKUT

**TRANSLATIONS / BIURIM**

©Vaad Talmidei Hatmimim Haolami
770 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213
Email: Halikut@VaadHatmimim.org

Halikut is honored to present Sichos of the Rebbe, courtesy of Kehot Publication Society. Kehot is the official publisher of the Chabad-Lubavitch movement.

These texts are copyright © by Kehot Publication Society and are available at: Kehot.com

ב"ה

# פתח דבר

*We are pleased to present the weekly Sicha chosen for this week's Halikut, complete with translations and biurim.*

*May Hashem help that our learning of the Rebbe's Torah will hasten Moshiach's coming when we will hear Torah chadosho from the Rebbe, B'karov Mamash.*

**הליקוט, ה׳תש״פ**

# יו"ד כסלו

**א.** די קביעות פון יו"ד כסלו — דער חג הגאולה פון כ"ק אדמו"ר האמצעי[1] — קומט אויס בכמה שנים אין דער וואָך פון פרשת ויצא[2] (ולפעמים — כבקביעות שנה זו[2*] — בש"פ ויצא עצמה). וע"פ דברי השל"ה הידועים[3] (אַז די „מועדים של כל השנה . . בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן") איז מובן, אַז די גאולה פון מיטעלן רבי'ן — קען מען אָפּלערנען בענינה פון דער היינטיקער סדרה, אָדער נאָך מער — זי איז מרומז אין דער סדרה[4].

דער תוכן כללי פון פרשת ויצא איז — גלות וגאולה: די סדרה הויבט זיך אָן מיט דער ירידה פון יעקב אין גלות[5] — „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", די יציאה פון א"י קיין חו"ל, און אין חו"ל גופא — „חרנה", אין „חרון אף של מקום"[6], און נאָכמער — צו לבן הארמי, ביז עבוד עבדתיך[7]; ובסיום הסדרה ווערט דערציילט וועגן דער „גאולה" פון דעם גלות[8] — ווי יעקב האָט זיך געראַטעוועט פון לבן הארמי און „הלך לדרכו"[9] — אויפן וועג קיין א"י[10].

און די שייכות מיוחדת מיט דער גאולה פון מיטעלן רבי'ן — יש לומר:

איינע פון די בקשות פון יעקב גייענדיק קיין חרן איז געווען „ושבתי בשלום אל בית אבי"[11], וואָס די הדגשה אין דעם איז אַז (נוסף לזה אַז ער זאָל זיך אומקערן גאַנצערהייט[12] לבית אביו, איז אויך) דער אופן פון דעם אומקערן זיך זאָל זיין „בשלום" — באופן של שלום ומנוחה[13]. און ווי ס'איז געווען בפועל,

1) בשנת תקפ"ז*.

ולהעיר, שגם יום ההולדת (בשנת תקל"ד) ויום ההילולא שלו (בשנת תקפ"ח) — ט' כסלו — חל ברוב השנים בשבוע דפ' ויצא (וכפי שהי' בשנת ההולדת ושנת ההילולא עצמן שחל (בשתיהן) ביום ד' לפ' ויצא).

2) וגם כשחל בפ' וישלח (כבשנת הגאולה עצמה — שחל בא' דפ' וישלח**) — מתברך הוא מש"פ ויצא. ולהעיר, שלפי המסורת בבית הרב (הובאה בהוספה לס' בד קודש ע' 22 בהערה), בשורת הגאולה באה בשבת (פ' ויצא) ט' כסלו.

2*) תשמ"ו.

3) ר"פ וישב. ושם, שכ"ה גם ב„מועדי דרבנן".

4) להעיר ממחז"ל (תענית כט, א) שמגלגלין זכות ליום זכאי. וראה לקו"ש ח"ה ע' 129 ואילך. ח"י ע' 99.

5) ראה זהר ריש פרשתנו (קמז, א). ב"ר פס"ח, יג. וראה לקו"ש חט"ו ע' 245. וש"נ. לעיל ס"ע 153.

*) כ"ה מסורת בית הרב (ראה רשימת כ"ק מו"ח אדמו"ר במבוא לס' בד קודש). ובבית רבי (ח"ב ספ"ד בהערה) — שנת תקפ"ו. וראה שיחת יו"ד כסלו תש"א בתחילתה.

**) כ"ה לפי שתי הנוסחאות שבשוה"ג להערה הקודמת.

6) רש"י ס"פ נח.

7) ראה פרשתנו ל, כו. כט. לא, ו. מא.

8) וכן מסופר ע"ד העלי' שנעשית ע"י הירידה בגלות — „ויפרוץ האיש מאד מאד" (פרשתנו ל, מג) שאת כל זה לקח יעקב עמו „לבוא אל יצחק אביו ארצה כנען" (לא, יח). וראה בארוכה לקו"ש שם (ע' 244 ואילך) הביאור בעבודה רוחנית.

9) לב, ב.

10) כפרש"י שם: מלאכים של א"י כו' ללותו לארץ. ובראב"ע שם שמחנים היא בא"י. וראה השקו"ט ברמב"ן ומפרשי רש"י שם. לעיל ע' 150 הערה 4.

11) כח, כא.

12) כפרש"י „שלם מן החטא כו'". וראה רש"י וישלח לג, יח: שלם בגופו כו' בממונו כו' בתורתו כו' (משבת לג, סע"ב. ועוד). לקמן ע' 168 ואילך.

13) להעיר מב"ר פרשתנו (פע"ג, ג. מדרש תהלים נה, יט) „פדה בשלום נפשי . . זה יעקב" — ראה לקמן בפנים בפירוש „פדה בשלום נפשי".

הליקוט HALIKUT

אַז כאַטש לבן האָט אים נאָכגעיאָגט מיט ניט קיין גוטע כוונות — און ווי ער אַליין האָט אים געזאָגט „יש לא־ל ידי לעשות עמכם רע"[14] — איז עס אָבער אַדורך אינגאַנצן בשלום (אָן קיין מלחמה כו').

און דאָס איז די שייכות צו גאולת כ"ק אדמו"ר האמצעי — וועלכע איז געווען עד"ז, כידוע, אַז זיין גאולה איז געווען פאַרבונדן מיט(ן פסוק[15]) „פדה בשלום נפשי" (ובפרט לויט ווי עס ווערט דער־ציילט — בסיפורי חסידים[16], אַז די בשורת הגאולה איז געווען „כשאמר תלים[17] פסוק פדה בשלום נפשי") — וואָס דער פירוש אין „פדה בשלום נפשי" איז[18], אַז (עס טוט זיך אויף ניט נאָר אַ פדי' פונעם אויב, נאָר אויך אַז) דער אופן הפדי' איז „בדרך שלום בלא מלחמה כלל" — ע"ד „ושבתי בשלום".

ב. און אע"פ אַז די גאולה פון אַלטן רבי'ן איז מודגש איר פאַרבונד מיט'ן אמירת הפסוק „פדה בשלום נפשי" — ווי דער אַלטער רבי שרייבט במכתבו הידוע[19] „וכשקריתי בספר תהלים בפ־סוק פדה בשלום נפשי . . יצאתי בשלום" —

געפינט מען אָבער אַז די שייכות פון דעם פסוק „פדה בשלום נפשי" צו יו"ד כסלו (יום גאולת אדמו"ר האמצעי) איז — בענין עיקרי — אין אַ שטאַרקערן אופן ווי צום טאָג פון י"ט כסלו (יום גאולת אדמו"ר הזקן):

ס'איז ידוע דער סיפור וביאור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[20], אַז דאָס וואָס דער אַלטער רבי האָט בעת גאולתו געזאָגט דעם פסוק „פדה בשלום נפשי" (כאָטש דער פסוק געפינט זיך ניט אינעם שיעור תהלים פון י"ט בחודש) — איז געווען דערפאַר וואָס במשך ימי המאסר האָט דער אַלטער רבי מוסיף געווען באמירת תהלים (געזאָגט תהלים „בשופי"), דהיי־נו (אויך) די שיעורי תהלים ווי ער איז נחלק לימי השבוע. און וויבאַלד י"ט כסלו איז דעמאָלט געווען ביום השלישי בשבוע, האָט ער דעמאָלט געזאָגט דעם מזמור נה דתהלים (וואָס געהערט צום שיעור פון יום שלישי בשבוע).

קומט לפ"ז אויס, אַז באופן גלוי (ובאמירה) איז די שייכות פון „פדה בשלום נפשי" צו גאולת אדמו"ר הזקן (א) נאָר אין די יאָרן ווען י"ט כסלו איז חל ביום שלישי בשבוע; און (ב) אויך דעמאָלט איז עס דוקא ביי די וועלכע זאָגן תהלים „בשופי", אָבער ניט ביי־כאו"א (וואָס ביי זיי איז די שייכות בלויז במחשבה[21], מצד תוכן הענין[22]).

משא"כ די שייכות פון „פדה בשלום נפשי" צו יו"ד כסלו איז באופן אַז דאָס ווערט געזאָגט אינעם יום הגאולה דורך יעדן איינעם ובכל שנה ושנה, ווייל דער פסוק „פדה בשלום נפשי" איז אין דעם שיעור תהלים פון יום יו"ד בחודש

---

14) פרשתנו לא, כט.

15) תהלים נה, יט.

16) בית רבי ח"ב ספ"ה בהערה. אבל ראה לעיל הערה 2.

17) כפי שנחלק לימי החודש. וראה לקמן סעיף ב.

18) מאמרי אדה"ז — הקצרים (ע' רטז). ובארוכה ד"ה פדה בשלום לבעל הגאולה (בס' שע"ת ח"א) פ"א. ובכ"מ. וראה לקמן ע' 196.

19) נדפס בבית רבי ח"א פי"ח. אגרות קודש שלו סי' לח (וש"נ).

20) במכתבו (קובץ מכתבים שבסו"ס תהלים אהל יי ע' 14 (200) ואילך. אגרות קודש שלו ח"ג ע' תעג ואילך. וש"נ).

21) או ע"י ניגון (ששייך יותר לענין המחשבה — קולמוס הלב (ראה לקו"ד ח"ג תקי, סע"ב. ועוד)).

22) ראה לקמן סעיף ג.

[בהתאם מיט דער תקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[23] אז אלע זאָלן יעדן טאָג זאָגן דעם שיעור תהלים ווי ער איז איינגע־טיילט לויט די ימי החודש, און האָט דערביי מדגיש געווען[24] אז דאָס איז אַן ענין השווה לכל נפש].

און דאָס גופא באַווייזט, אַז דער תוכן פון „פדה בשלום נפשי" איז (באיזה ענין עיקרי) אויף אַ מער גלוי'דיקן אופן בגאולת אדמו"ר האמצעי ווי בשייכות צו גאולת אדמו"ר הזקן.

ג. וועט דאָס ווערן פאַרשטאַנדיק לויטן ביאור השייכות פון „פדה בשלום נפשי" צו דער גאולה פון אַלטן רבי'ן און פון מיטעלן רבי'ן:

אין „פדה בשלום נפשי" איז דאָ, כנ"ל, אַ טאָפּלטער אויפטו: די עצם פדי' פונעם אויב, און דאָס וואָס דער אופן הפדי' איז בדרך שלום.

די צוויי אופני פדי' — פדי' בדרך מלחמה און פדי' בדרך שלום — זיינען פאַראַן אין ענין התורה. ובכללות — איז דאָס דער חילוק צווישן נגלה דתורה און פנימיות התורה:

פנימיות התורה איז „אילנא דחיי דלית תמן לא קשיא כו' ולא מחלוקת"[25]; משא"כ נגלה דתורה, וואָס אין איר איז פאַראַן ריבוי שקו"ט, קשיא ורמינהו כו' — איז בדוגמא פון פדי' בדרך מלחמה („מלחמתה של תורה"[26]): כדי צו אַרויס־קריגן דעם אור ההלכה והמסקנא של תורה דאַרף מען מלחמה האָבן מיט דעם העלם והסתר[27] פון די קשיות ושקו"ט כו'.

ס'איז ע"ד ווי מען געפינט אין נגלה דתורה גופא דעם חילוק צווישן תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי[28]: אויף תל־מוד בבלי שטייט[29] „במחשכים הושיב־ני", ווייל די עניני התורה קומען דאָרט אין אַן אופן, אַז ביז מ'דערגרייכט צו דער קלאָרקייט פון אַן ענין, צו דער מסקנא, דאַרף מען דורכגיין שקו"ט קושיות וכו' („במחשכים"); משא"כ אין תלמוד ירושלמי זיינען ניטאָ אַזויפיל קושיות ושקו"ט, דאָרטן זיינען די עניני התורה מלכתחילה אין אַ (מער) ליכטי־קערן אופן, אַזוי אַז מען קומט שנעלער צו דער מסקנא.

אָבער אעפ"כ, וויבאַלד אַז אויך תל־מוד ירושלמי איז נגלה דתורה, וואו עס רעדט זיך וועגן עניני העולם („אילנא דטוב ורע"[25]), וועלכע פאַרשטעלן אויפן אמת פון תורה, דעריבער איז אויך אין תלמוד ירושלמי פאַראַן דער פאַרשטעל פון — עכ"פ קצת — קושיות כו'.

משא"כ אין פנימיות התורה, איז „לית תמן לא קשיא כו' ולא מחלוקת" — ווייל אין פנימיות התורה רעדט זיך בגלוי

23) וגם לפני תקנה זו — מובן בפשטות, שאמירת תהלים כפי שנחלק לימי החודש שייכת יותר לכאו"א — מאמירתו כפי שנחלק לימי השבוע.

24) ראה קובץ מכתבים הנ"ל (ע' 5 (191) ואילך; ע' 24 (210)). אגרות קודש שלו ח"ב ע' פא; ע' תקכג ואילך (ובהנסמן בריש האגרות שם). ובכ"מ.

25) רע"מ נשא (קכד, ב), הובא ונתבאר באגה"ק סכ"ו.

26) ל' חז"ל — מגילה טו, ב (ושי"נ). חגיגה יד, א. ועוד.

27) ראה רע"מ שם: קשיא מסטרא דרע . . מחלוקת מרוח הטומאה. וראה אגה"ק שם (קמד, ב ואילך).

28) בהבא לקמן — ראה שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ד ואילך. ד"ה אמר רבא תש"ח פי"א. ובכ"מ. ולהעיר ממחז"ל (סנהדרין כד, א) ת"ח שבא"י שמנעימין זל"ז בהלכה כו' ת"ח שבבבל שמחבלים זל"ז כו': נוחין כו' מרורין כו'.

29) איכה ג, ו. סנהדרין שם.

ווען ג-טלעכקייט און ענינים רוחניים וועלכע זיינען אויך בגלוי[30] העכער פון העלם והסתר העולם, ולכן האבן דארט קושיות וכו' קיין ארט ניט — ס'איז א פדי' בדרך שלום, „פדה בשלום נפשי"[31].

און דאס איז דער קשר פון גאולת אדמו"ר הזקן ואדמו"ר האמצעי מיט אמירת הפסוק „פדה בשלום נפשי" — ווייל זייער גאולה איז געווען (ניט נאר א גאולה פרטית, נאר) א גאולה כללית, און פון תורה, גאולה פון תורת החסידות, פנימיות התורה, וואס ענינה איז (כנ"ל) דער „פדה בשלום" אין תורה עצמה.

ד. עס איז ידוע[32] אז כללות הגילוי פון תורת החסידות איז געווען אין אן אופן מסודר — בהתאם ווי דער סדר התגלות פון א שכל חדש, אז פריער ווערט נתגלה נקודת השכל (חכמה), די נקודה כללית וואס איז העכער פון פרטים, און דערנאך קומט די נקודה אראפ אין בינה, אין הבנה והשגה, אז דער דבר שכל ווערט פארשטאנדיק מיט אלע זיינע פרטים.

און ווי מען געפינט אין סדר ההתגלות פון נגלה דתורה: פריער קומט „משנה" וועלכע איז „דבר קצר וכולל ענינים רבים"[33], און ערשט שפעטער השקו"ט במשנה (ליגמור ואח"כ ליסבור[34]) און אויך בפשטות — דורות (התנאים ו)המשנה ואח"כ די שפעטערדיקע דורות ד(האמוראים וד)הגמרא, וואו די „קוצר מילי"[33] פון דער משנה ווערן נתפרש ונתבאר בהרחבה ובאריכות.

ועד"ז איז עס אין דעם סדר הגילוי פון תורת החסידות פריער דורך דעם אלטן רבי'ן און דערנאך דורך דעם מיטעלן רבי'ן:

דער אלטער רבי האט מגלה געווען די ענינים פון חסידות אין אן אופן ווי זייערע פרטים כו' זיינען (נאך) כלול אין א נקודה — דרגת החכמה פון תורת החסידות; און דער מיטעלער רבי האט זיי ארויסגעבראכט בביאור רחב, מיט דער התפשטות פון אורך ורוחב דבינה. און ווי מ'זעט עס אין זיינע מאמרי חסידות, אז אין זיי איז פאראן אן אריכות מיט ריבוי ביאורים כו'.

און דורך דעם וואס דער מיטעלער רבי האט מגלה געווען די ענינים פון חסידות אין דער התפשטות והתרחבות פון בינה, הבנה והשגה — זיינען די ענינים פון תורת החסידות אראפגעטראגן געווארן אין אן אופן אז יעדערער זאל זיי קענען (נאך מער) תופס ומשיג זיין בשכלו[35].

[בדוגמת דעם חילוק כללי צווישן חכמה און בינה ביי אן אדם: אין חכמה ווערט „גענומען" די נקודה כללית של השכל, וועלכע איז העכער פון קענען נתפס ווערן אין כלי ההשגה וההבנה.

30) כי התורה בכלל — קדמה אלפיים שנה לעולם (ראה מדרש תהלים צ, ד. ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד וש"נ. זח"ב מט, א) — לעולם כפי שנברא על מילואו ואפילו לג"ע שבו.

31) ראה גם סד"ה פדה בשלום העת"ר (בהמשך תער"ב ח"ב) ושנת עזר"ת.

32) בהבא לקמן — ראה בלקו"ש שבהערה 4 (ובהנסמן שם). ועייג"כ לקוטי לוי"צ — אגרות (ס"ע שלג ואילך).

33) ל' הרמב"ם בהקדמתו לפיה"מ (רד"ה אחרי כן ראה להסתפק).

34) שבת סג, א.

35) ו"ל שלכן עסק וביותר בהדפסת ספרי חסידות, ובאופן שיגיעו לכאו"א בנקל כו', ועד שהשתדל להדפיס באופן שגם עניים יוכלו לקנותם (ראה אגרות קודש שלו — קונטרס המילואים (קה"ת תשמ"א) ע' יג ואילך. ח"ב ע' פא ואילך).

דוקא בשעת ער טראַגט אַראָפּ די נקודת השכל אין „בינה״, וואָס ענינה איז צו פאַנאַנדערקלייבן דעם שכל לפרטיו, דבר דבור על אופניו, קען דער אדם תופס זיין דעם דבר מושכל און עס ווערט ביי אים פאַראיינציקט מיט די כלי השגה].

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס (בהדגשה איז) דוקא גאולת אדמו״ר האמצעי איז פאַרבונדן מיט אמירת „פדה בשלום״ ע״י כאו״א (כנ״ל) — ווייל אין דעם זאָגט זיך אַרויס דער חידוש פון גילוי תורת החסידות דורכן מיטעלן רבי׳ן (לגבי דעם גילוי דורכן אַלטן רבי׳ן), וואָס ער האָט מגלה געווען תורת החסידות (שענינה — „פדה בשלום״ שבתורה) אין אַן אופן אַז עס קען באַנומען ווערן אין דער הבנה והשגה של כאו״א.

ה. וי״ל אַ טיפערער ענין אין דעם:

דאָס וואָס דער ענין פון „פדה בשלום נפשי״ שטייט אין אַ מער גלוי׳דיקן אופן בשייכות צו גאולת אדמו״ר האמצעי — איז ווייל דערמיט האָט זיך אויפגעטאָן אַ נאָך העכערע שלימות אין דעם ענין פון „פדה בשלום״[36]. דער חילוק איז ניט נאָר אויף וויפל דער ענין (פדה בשלום) שטייט בהתגלות (צי בלויז בדרך נקודה כללית, אָדער אויך בהתפשטות ביז עס קומט אָן לכאו״א), נאָר ס׳איז אַ חילוק אין דעם אופן (ואיכות) השלום.

און אויך דער ענין איז נרמז אין פרשת ויצא — אין דעם אויבנדערמאָנטן פסוק „ושבתי בשלום אל בית אבי״:

דער אַלטער רבי איז מבאר אין תורה אור[37], אַז „ושבתי בשלום״ מיינט — „ב׳ שלום״, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים אין שלום: „שלום מלמעלה למטה״ (דער שלום קומט מצד דעם „מעלה״) און „שלום מלמטה למעלה״ (אַז דער שלום קומט מצד דעם „מטה״). און „ושבתי בשלום אל בית אבי״ מיינט, אַז יעקב האָט מתפלל געווען אַז עס זאָלן ביי אים זיין ביידע אופני שלום, דער „שלום מלמעלה למטה״ און „שלום מלמטה למעלה״[38].

[און ווי ס׳איז דערנאָך געווען בפועל, אַז דער „שלום״ צווישן אים מיט לבן האָט זיך אָפּגעטאָן ניט נאָר בדרך „מלמעלה למטה״ — „ויבא אלקים אל לבן גו׳ השמר לך גו׳״[39] (מצד דעם אויבערשטן), נאָר אויך בדרך „מלמטה למעלה״ — מצד לבן׳ען גופא, אַ כריתת ברית ושלום, אַז ער (מעצמו) האָט געזאָגט[40] „לכה נכרתה ברית אני ואתה גו׳״].

ועד״ז יש לומר בעניננו, אַז דאָס איז דער אויפטו פון גאולת אדמו״ר האמצעי (וואָס איז פאַרבונדן מיט גילוי החסידות באופן של „בינה״) לגבי גאולת אדמו״ר הזקן: אינעם ענין פון „פדה בשלום״

---

36) ולהעיר, שבדרך כלל הי׳ מאסרו של אדמו״ר האמצעי קל יותר מאשר מאסרו של אדה״ז (שיחת י׳ כסלו תש״א (ס״ע 50 ואילך). וראה ס׳ תולדות אדמו״ר האמצעי (קה״ת תשל״ג ושלאח״ז) פ״ח).

37) פרשתנו כא, סע״ג ואילך. שם כב, ג. וראה גם תו״ח שם כו, א ואילך.

38) כי זהו עיקר החידוש ב„ושבתי בשלום אל בית אבי״, וכפי שהוא בפשטות שה„שבתי״ הוא מלמטה למעלה, מחרן לבית אביו. וראה תו״ח שם ש„ושבתי בשלום״ הו״ע התשובה, שזהו״ע השלום מלמטה למעלה כמ״ש בתו״א שם. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 250 שזהו עיקר הכוונה בהעלי׳ שע״י הירידה בגלות. ע״ש.

39) פרשתנו לא, כד. וכן בדברי לבן ליעקב (שם, כט).

40) שם, מד.

פונעם מיטעלן רבי'ן איז פאַראַן (בגי־
לוי) די מעלה אויך פון צווייטן אופן אין
שלום, „שלום מלמטה למעלה".

ו. וי"ל דעם ביאור אין דעם:

דער וואָרט „שלום" איז תוכנו מוכיח, אַז לכתחילה איז אַ מצב פון פירוד וניגוד (בפועל אָדער בכח עכ"פ), וואָס ווערט נתבטל און נתהפך צו אַ מצב הפכי דורך ענין ה„שלום" — עס ווערט שלום ואחדות צווישן די דיעות חלוקות ומנוגדות

— אויב ס'איז לכתחילה ניטאָ קיין פירוד וניגוד אָדער דיעות חלוקות האָט קיין אָרט ניט דער ענין ה„שלום".

וואָס דאָס איז אויך איינער פון די פירושים[41] אין פסוק „פדה בשלום נפשי גו' כי ברבים היו עמדי": „ברבים" באַצייכנט דיעות מנגדות (וואָס מצד דעם איז ניטאָ שלום ואחדות, נאָר פירוד ומחלוקת, „רבים"); און דער טעם אויף דעם וואָס די פדי' איז בדרך שלום („פדה בשלום נפשי") — איז ווייל „ברבים היו עמדי": אויך די „רבים" (המנגדים) זיינען (ווערן) „עמדי" [ע"ד מאמר חז"ל[42] עה"פ, אַז אנשי אבשלום האָבן מתפלל געווען לנצחונו של דוד].

עפ"ז יש לבאר די שייכות פון „פדה בשלום נפשי" צו חסידות חב"ד דוקא:

אין תורת החסידות הכללית, וואו דער עיקר הדגשה איז אויף אמונה, איז ניט מתאים דער ענין פון „שלום" — ווייל אין אמונה איז מלכתחילה ניטאָ קיין אָרט אויף שתי (ועאכו"כ ריבוי) דיעות, אין אמונה לייכט דער אמת[43] אָן העלם כו', ביז אין אַן אופן פון אחדות פשוטה:

דער אויפטו פון חסידות חב"ד איז, אַז מ'טראַגט אַראָפּ די ענינים פון תורת החסידות אין דער וועלט פון שכל, וואָס איז, לכאורה, אַ דבר והיפוכו: ע"פ טבע איז דאָ אין שכל בני אדם ריבוי דיעות (אין דיעותיהן שוות[44]), שכל[45] גיט אַן אָרט אויף קוים חלוקים (ובמילא — מחלוקת); ועד"ז איז דער סדר פון דערגרייכן אַ שכל, אַז מ'גייט דורך אַ קשיא והעלם כו' ביז מען פאַרשטייט ריכטיק די מסקנא[46] — און צוזאַמען דערמיט ווערן אַראָפּגעטראָגן אין שכל די ענינים פון פנימיות התורה ד„לית תמן לא קשיא כו' ולא מחלוקת" — שכל נעמט די ענינים בלי קושיות[47] און בלי מחלוקת.

קומט אויס, אַז דורך תורת חסידות חב"ד איז מען ממשיך „שלום" אין דעם „רבים".

ז. אָבער דאָס גופא — צו ממשיך זיין „שלום" אין די „רבים" (און זיי זאָלן זיין „עמדי") — קען זיין אויף צוויי אופנים:

---

41) ראה אוה"ת (יהל אור) עה"פ (ע' רח). סה"מ תרנ"ט ע' קעו. סה"מ תרס"ה ע' שיב. סה"מ תשי"ד ע' 141. ועוד.

42) ירושלמי סוטה פ"א סה"ח (ובקרבן העדה שם).

43) ושרש התיבות אחד הוא.

44) ראה ברכות נח, א. סנהדרין לח, א. ועוד.

45) גם שכל דקדושה, וכמחז"ל (מדרש תהלים יב, ז. וראה ירושלמי סנהדרין פ"ד ה"א־ב) „שלא ניתנו דברי תורה חתוכין כו' אלא כו' מ"ט פנים כו'". ואלו ואלו דא"ח (עירובין יג, ב. וש"נ).

46) וכמדובר כמ"פ שגם קס"ד וקושיא בתורה — תורה היא, ומחוייבים לברך לפני לימוד הקושיא (גם אם אין לומדים באותו הזמן התירוץ) ברכת התורה.

47) וי"ל כי הקושיות שישנן בלימוד פנימיות התורה הן מצד האדם הלומד ולא מצד התורה עצמה. — כידוע הצ"ע שגם בזהר כו' מצינו דיעות חלוקות וכן קשיות וכו'. ואכ"מ.

איין אופן איז — בדרך „מלמעלה למטה", אַז מ'איז ממשיך דעם ענין האחדות אין דעם אָרט פון ריבוי והתחלקות: און אַ צווייטער אופן — „שלום מלמטה למעלה", אַז (מ'איז ניט בלויז ממשיך שלום ואחדות אין דעם אָרט פון ריבוי, נאָר) דער ענין השלום ווערט אויפגעטאָן מצד דעם ריבוי („מטה") גופא — וואָס כמובן, איז דאָס אַ פיל גרעסערער חידוש, אַז דער ריבוי גופא ווערט נתהפך לאחדות.

אַ דוגמא אויף די צוויי אופנים אין הלכה — פסק דין של סנהדרין:

אַ סנהדרין דאַרף האָבן אַן ענין פון „רבים" דוקא[48], וואָס ע"פ טבע האָט יעדער אַ באַזונדער צוגאַנג אין הבנה און דעת (אין דיעותיהן שוות), וואָס דערפאַר „אב ובנו הרב ותלמידו אין מונין להן אלא אחד"[49] — ווייל ווי־באַלד זיי האָבן מלכתחילה איין אופן ודרך אין שכל כו'[50] הייסט עס ניט אַז זיי זיינען צוויי דיעות.

אָבער לאידך, כדי צו פסק'נען דעם דין, מוזן די אַלע פאַרשידענע דיעות קומען לידי אחדות און פסק'נען אויף איין אופן. און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורכן כלל „אחרי רבים להטות"[51] ובאו־פן אַז די דיינים פון מיעוט החולק מוזן מבטל זיין דעתם לדעת הרוב.

אָבער אין דעם גופא זיינען דאָ צוויי אופנים (וכמבואר באחרונים[52]):

איין אופן איז, אַז כאָטש די דייני המיעוט מצד עצמם האַלטן אַנדערש, היות אָבער זיי ווייסן אַז תורה זאָגט „אחרי רבים להטות", זיינען זיי מבטל דעתם מפני דעת הרוב — וואָס אין דעם אופן, קומט די „אחדות" ניט מצד זייער דעת, נאָר מצד דעם רוב ופס"ד התורה (אחרי רבים):

אַ צווייטער אופן איז, אַז נאָך דעם ווי מ'איז עומד למנין און מ'איז מכריע כדעת הרוב, ווערט עס נתהפך אַלס פסק פון כל חברי סנהדרין, ווייל אַלע זיינען (דערנאָך) מסכים צו דעת הרוב: (וויסנדיק אַז תורה זאָגט „אחרי רבים להטות") זיי זיינען זיך מתבונן נאָך אַמאָל אין דעם ענין כו' ביז אויך זייער דעת איז מסכים ומתהפך לדעת הרוב. וואָס אין דעם אופן קומט דער „שלום" מצד די „רבים" גופא.

ח. דער ביאור הנ"ל אין די צוויי אופנים אין „שלום" — גיט אויך אַ הסברה אין דעם מנהג ישראל, אַז ווען צוויי אידן באַגעגענען זיך מיט שאילת שלום, זאָגט דער ערשטער „שלום עליכם" און דער צווייטער ענטפערט: „עליכם שלום"[53].

---

48) להעיר ממרז"ל (מדרש תהלים עה"פ. וראה יפה מראה ועמודי ירושלים לירוש' סוטה שם) „כי ברבים היו עמדי אלו סנהדרין".

49) סנהדרין לו, סע"א. רמב"ם הל' סנהדרין פי"א ה"ז.

50) ראה רש"י סנהדרין שם ריש ע"ב.

51) משפטים כג, ב. וראה מדרש תהלים וירושלמי שבהערה 45.

52) בהבא לקמן — ראה צפע"נ כללי התוהמ"צ (ערך רוב ומיעוט. וש"נ). כללים שבסו"ס גט פשוט (להר"מ חביב) כלל א'. וראה לקו"ש חכ"א ע' 112 ואילך ובהערות 31, 33 שם. סה"ש תשמ"ט ח"ב ע' 727.

53) וכ"ה נוסח קידוש לבנה בסידורים [למרות שלשון הטור (או"ח סו"ס תכו. ובב"ח שם: כך הוא בנוסחאות מדוייקות), רמ"א (שם ס"ב) ועוד הוא — „שלום עליך"]. וראה לקוטי דיבורים ח"א ג, א. ס' השיחות תש"ג ע' 25.

וואָס לכאורה איז ניט מובן: (א) פאַרוואָס זאָגט מען (אפילו צו אַ יחיד) „(שלום) עליכם" — ניט „עליך"[54] (ווי מ'געפינט אין גמרא[55] דער לשון „שלום עליך רבי (ומורי)")? (ב) פאַרוואָס ענטפערט דער צווייטער „עליכם שלום" — אין אַ פאַרקערטן סדר[56] לגבי ווי ס'זאָגט דער פותח[57]?

ווי"ל דעם ביאור בזה[58]: בשעת עס טרעפן זיך צוזאַמען צוויי אידן, ווערט עס אַ מציאות של רבים (מיעוט רבים שנים[59]) וואָס „אין דיעותיהן שוות" — און זייער עבודה באַשטייט דאַן אין אויפטאָן אחדות אין דעם „רבים". און דערפאַר זאָגט מען „שלום עליכם" — אַז מען דאַרף ממשיך זיין שלום ואחדות („שלום" איז שמו של הקב"ה[60], אחדות פשוטה) אין דעם „עליכם" (רבים).

אָבער אין דער אחדות (צווישן די נפשים) זיינען פאַראַן צוויי שלבים[61]:

בשעת דער „פותח" זאָגט „שלום עליכם" ווייס מען נאָר אַז ער איז מוכן אויף שלום, און עס פאַדערט זיך אַז אויך דער צווייטער זאָל ענטפערן שלום: אויב אָבער די עניית שלום וועט זיין מיטן זעלבן נוסח ווי דער פותח („שלום עליכם") — גיט עס אַן אָרט צו טראַכטן, אַז זיין עניית שלום קומט (ניט מצד אים, נאָר) בלויז אַלס הודאה ואישור צו דעם פותח בשלום: דעריבער איז ער משנה פון דעם פותח און זאָגט „עליכם שלום" — להדגיש, אַז ער איז ניט נאָר „מסכים" צום צווייטנ'ס „שלום עליכם", נאָר ער מצד עצמו ווייל שלום.

און דאָס איז אויך דער טעם החילוק אין דעם סדר הנוסח:

דער ערשטער זאָגט „שלום עליכם" (דער „שלום" פאַרן „עליכם"), ווייל ער איז דער פותח בשלום, דער שלום קומט מצד אים, וואָס ער „מאָנט" אַז עס זאָל ווערן שלום צווישן „עליכם" (דער רבים) — „שלום מלמעלה למטה";

בשעת דער צווייטער ענטפערט שלום, וואָס דערמיט טוט ער אויף אַז דער שלום קומט (ניט נאָר מצד דעם פותח, נאָר) אויך מצד דעם עונה — זאָגט ער „עליכם שלום". ווייל מיט זיין עניית שלום האָט זיך אויפגעטאָן דער חידוש, אַז דער רבים גופא מאַכט שלום (פון „עליכם" ווערט „שלום") — שלום מלמטה למעלה.

---

54) ובשער הכולל (פל"ג אות ז) מתרץ ע"פ דברי המט"מ (סקנ"ד. הובא בשו"ע אדה"ז או"ח סקפ"ט ס"ה) שאפילו יחיד המתפלל לעצמו אומר „ואמרו אמן" — כי הוא „להמלאכים המלוין את האדם כו'". וראה לקוטי מהרי"ח סדר ר"ח עוד תירוצים.

55) ברכות ג, א. ובריבוי מקומות. וראה לעיל הערה 53 הדיעות בנוסח קידוש לבנה.

56) ודלא כבברכות שם (ועוד) שגם החזרת שלום היא בלשון „שלום עליך".

57) ראה ס' טעמי מנהגים (בליקוטים שבסוף הספר אות לב-לג) — כמה טעמים ע"ז.

— וידועה ה„צחות" בזה, דמכיון שחבירו אומר „שלום עליכם" אומר איפכא מסתברא (עליכם שלום)...

וע"פ המבואר לקמן בפנים מתורץ, שיש בצחות זו ענין טוב, שהעונה רוצה להוסיף על דברי הפותח. כדלקמן.

58) בהבא לקמן — להעיר מלקו"ת ראה (כו, ב). מאמרי אדה"ז — תק"ע (ס"ע קכח; ס"ע רי ואילך). ד"ה שלום עליכם באוה"ת פרשתנו (קצט, ב. אוה"ת סידור ע' שמ).

59) נסמן בלקו"ש שם ע' 111 הערה 21.

60) שבת י, ריש ע"ב.

61) עיין ספר השיחות שם ע"ד עבודת אברהם לגלות אשר „ער ב"ה איז אַלץ, אַלץ איז ער ב"ה" — שהם „ב' אופני היחוד" (סה"מ ה'ש"ת ריש ע' 141), היחוד מלמעלה למטה והיחוד מלמטלמ"ע (ראה ע"ד ב' אופנים אלו בלקו"ש חי"ח ע' 225 ואילך ובמקומות שנסמנו בהערה 71 שם).

ט. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין (בדרך אפשר) בעניננו, די צוויי אופנים פון „פדה בשלום" — ביי אדמו״ר הזקן (חכמה) און ביי אדמו״ר האמצעי (בינה):

דאָס וואָס די תכונה פון שכל איז פאַרבונדן מיט „ריבוי" (כנ״ל סעיף ו) — איז (בעיקר) מצד „בינה", ד. ה. מצד דעם ריבוי פרטים (והתחלקות) פון דעם דבר שכל [וואָרום די התחלקות גיט אַז אַרט אויף חילוקי דיעות ומחלוקת: ועד״ז מצד ריבוי פרטים ווערן נולד קשיות וסתירות אין דעם ענין]:

משא״כ אין „חכמה" איז דער גילוי פון נקודת השכל וואָס איז העכער פון פרטים — ובמילא איז ניטאָ (אויף אַזוי־פיל) קיין אָרט אויף מחלוקת וקשיות כו'.

און דאָס איז דער חילוק אין דעם „שלום" וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך חכמה אָדער דורך בינה:

בשעת עס לייכט די נקודת השכל (חכמה) — פילט מען אַז די אַלע קשיות אין דעם ענין זיינען בטל (כאָטש ער ווייס נאָך ניט ווי אַזוי זיי ווערן פאַר־ענטפערט). און דאָס איז דערפאַר ווייל די נקודת השכל איז דער „כלל" (און אמיתיות) פון דער סברא שכלית וואָס דורך אים ווערן פאַראייניציגט אַלע פרטי השכל. קומט אויס, אַז (אויך) דורך „חכמה" ווערט אויפגעטאָן אַ „שלום" אין די פרטי השכל („רבים") — אָבער דער „שלום" קומט (ניט מצד די פרטי השכל (ריבוי) גופא, נאָר) מצד דער נקודת השכל, „שלום מלמעלה למטה":

משא״כ אין בינה ווערט אויפגעטאָן אַז יעדער ענין פרטי שבשכל מצד עצמו איז ביי אים מוסבר, אַזוי, אַז דער „שלום" (אין דעם דבר שכל) ווערט גע־שאַפן מצד דעם ריבוי (פרטים) גופא — „שלום מלמטה למעלה".

ועד״ז איז בנוגע גילוי תורת החסידות — שענינה „פדה בשלום", באופן של שלום ומנוחה (ד„לית תמן לא קשיא כו'") כנ״ל:

אין דעם גילוי פון תורת החסידות שע״י אדמו״ר הזקן — אין אַן אופן פון „חכמה" — איז דער „שלום" בדרך מלמעלה למטה:

און דער „פדה בשלום" וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך גילוי החסידות של אדמו״ר האמצעי, בדרך הבנה והשגה דבינה — איז אַ „שלום מלמטה למעלה", אַז די כלי הבנה והשגה של המטה באַ־נעמען און זיינען תופס די ענינים פון פנימיות התורה, וואָס דורך דעם ווערט דער ריבוי פון שכל גופא נתאחד ונתהפך אין אַן ענין פון „פדה בשלום".

(משיחות יו״ד כסלו תשד״מ, תשמ״ה; ד״ה ושבתי בשלום תשל״ח*)

---

*) המאמר בשלימותו נדפס בסה״מ מלוקט ח״ב ע' קנז. המו״ל.

Page 4

דער תוכן

Numerous times throughout Parshas Vayeitzei, Yaakov uses the words "עבד" or "עבדיך" when describing working for Lavan. See he'arah 7.

איינע

When Yaakov davened for "ושבתי בשלום," he was not only asking – as Rashi explains – that he should return complete, but also that the return itself should be peacefully. And so it was: Yaakov didn't need to fight Lavan — he instead ended up making a bris with him.

Page 5

און אע"פ

The Rebbe notes that the Alter Rebbe himself clearly connected his geulah with the passuk of "Padah beshalom," as opposed to the geulah of the Mitteler Rebbe, where the connection isn't as emphasized – as it is only mentioned in "sippurei chassidim". See also he'arah 2.

Page 6

און דאס גופא

The Rebbe just proved that the geulah of the Mitteler Rebbe has a clearer connection to "Padah beshalom" than the geulah of the Alter Rebbe does. In the rest of the sicha, the Rebbe will explain why that is, and what the connection actually is.

Page 8

און דאס איז דער טעם

So the first reason that the Miteler Rebbe's geulah is more clearly connected to the possuk of "Pada beshalom," and specifically the way everyone says the passuk (during the yom Tehillim of the month, as opposed to the Alter Rebbe, whose connection to the passuk is in the yom Tehillim of the week, which isn't said as commonly) is because the Mitteler Rebbe taught Chassidus in a way that is more connected to everyone's own sechel. This is the "binah" of chassidus: Binah takes the Chochmah and expands upon it, bringing it to a level where it's shayech to everyone.

ווי"ל

Having explained in se'if ג the connection of Toras Hachassidus in general to "Padah beshalom," and in se'if ד how the Mitteler Rebbe's Chassidus was more clearly connected with everyone's sechel, the Rebbe will now explain how the inyan of "Padah beshalom" is even more strongly emphasized in that derech in Chassidus.

Page 9

וואס דאס

Not only is the geulah of the

Mitteler Rebbe more **clearly** connected with "Padah beshalom," but the whole nekuda of "Padah beshalom" is **stronger** in the Mitteler Rebbe's geulah.

דער אויפטו

In other schools of thought in Chassidus there is a strong emphasis on emunah, which means that while there may be no "milchama" or questions, there is also never an option for more than one opinion or for any choice. Chassidus Chabad, on the other hand, is about understanding with our human minds, which usually have many "milchamos" and differences of opinion. When a person's mind — despite being limited and having such "milchamos" — grasps a nekuda in Chassidus, without any kushyos, that is when we can truly say "Padah besholom," as the human mind leaves the possibility of not having sholom. See also heorah 47

**Page 4**

Comes out -קומט אויס

That it falls on them -שחלות בהן

Learn out -אפלערנען

The current -הייניטקער

Saved -געראטעוועט

going-גייענדיק

Return -אומקערן

Complete -גאנצערהייט

**Page 5**

Pursued -נאכגעיאגט

Entirely -אינגאנצען

Connected -פארבונדן

From the -פונעם

Find -געפינט

Stronger -שטארקערן

In abundance -בשופי

Only -בלויז

**Page 6**

Shows -באווייזט

Doubled -טאפלטער

Effect -אויפטו

Receive -ארויסקריגן

In the darkness you have settled me -במחשכים הושבני

You reach -מ'דערגרייכט

Clarity -קלארקייט

Quicker -שנעלער

Cover over -פארשטעלן

**Page 7**

In accordance -בהתאם

Understood -פארשטאנדיק

השקו"ט = השקלא וטריא

Later -שפעטערדיקער

The shortness of its words -קוצר מילי'

Brought out -ארויסגעבראכט

Wide -רחב

Brought down -אראפגעטראגן

**Page 8**

To gather -פאנאנדערקלייבן

United -פאראייניציקט

Taken in -באנומען

Deeper -טיפערער

Accomplished -אויפגעטאן

Abovementioned -אויבנדערמאנטן

Both -ביידע

Connected -פארבונדן

**Page 9**

Seperation -פירוד

Opposition -ניגוד

Signifies -באצייכנט

For the victory -לנצחונו

Accomplishment -אויפטו

Reach -דערגרייכן

Correctly -ריכטיק

**Page 10**

Bigger -גרעסערער

Seperate -באזונדער

Approach -צוגאנג

Different -פארשידענע

Changed over -נתהפך

Agreed -מסכים

Greet one another -באגעגענען

**Page 11**

We find -מ'געפינט

Opposite -פארקערטן

Meet -טרעפן

Stages -שלבים

Requires -פאדערט

Same -זעלבן

**Page 12**

Connected -פארבונדן

Unified -פאראייניציקט

Explained -מוסבר

Grasp -תופס

מוקדש לחיזוק ההתקשרות
לנשיאנו כ"ק אדמו"ר זי"ע